בעזהשי"ת

שיעור ל"ג

חדש!
לטובת הציבור
הרחב נכתבו 'הלכות
פון היינטיגע צייטען'
באידיש!

שיעורי

# הלכה ישרה

## הלכות למעשה המצויות בשבת

## הלכות טוחן (ב) - מחתך

לא ללמוד בשעת התפילה וקריאת התורה

# נשמת שבת

**כתוב** "ביני ובין בני ישראל אות היא לעולם כי ששת ימים עשה ה' את השמים ואת הארץ". ויש לבאר היאך היא האות של ששת ימים, כי היאך ראו בנ"י בריאת שמים וארץ שיוכלו להעיד שהיה המעשה בששת ימים.

ונ"ל בדרך 'לומדות', עפ"י הגמ' בב"ק (קו, א) גבי המכחיש ממון בשבועת שקר, שאם השביע עליו חמשה פעמים וכו', חייב על כל אחת ואחת, ואמר רבי שמעון, מה טעם הואיל ויכול לחזור ולהודות, פירש"י, ונמצא דבכולן כופר ממון, ע"כ. דהיינו שבדיני ממונות אומרים שכיון **שהיה יכול** להודות על הממון, מעתה אע"פ שלא הודה יש לזה **כבר עכשיו דין ממון**, והוי ככופר ממון אחר בשבועת כל אחד ואחד, ואפילו ה' פעמים.

ובזה אפש"ל **שכמו"כ בעת מתן תורה**, שראו אז בנ"י שהשי"ת הוא אחד ויחיד בעליונים ובתחתונים, ובידו יתברך לבטל העולם ברגע ולבנות העולם באותו רגע, א"כ הם יכולים להעיד על מאמר השי"ת שברא העולם כרצונו בששת ימים, שהרי ראו שעשה עושה ויעשה כל אשר יחפוץ, וא"כ הוי כמי שאכן נעשה כן, וכמו מי שיכול להודות על ממון, דהוי ממון, וחייב ה' אשמות על ה' שבועות.

**ובזה תהיה שמירת שבת קודש ע"י בני ישראל 'אות' כי ששת ימים**, כי מאחר שנתקיים בהם "אתה הראת לדעת כי ה' הוא האלוקים אין עוד מלבדו", בזה ראו גם כן "כי ששת ימים" וגו' עפ"י מה שאמר השי"ת.



# הלכה בשורשה

## מלאכת 'טוחן':

❖ 'טוחן' הוא אב מלאכה השייכת בכל גידולי קרקע (געוויקסן, פירות און ירקות) – אולם לאו דווקא באוכל, אלא גם בעצים, מתכת (אייזען), אבנים, טיט ומלח הגס (שטיינזאלטץ) (רמב"ם פ"ח הט"ו).

## 'טוחן' בעצים ועפר:

❖ לפיכך החותך (שניידט) עצים – דק, חייב משום 'טוחן', וכן השובר או המפרר גושי עפר (צוברעקלט שטיקער ערד), חייב משום 'טוחן', לפיכך אסור לפרר או להסיר טיט יבש ממקומו (צוברעקלען, אראפנעמען שטיקער בלאטע).

## 'טוחן אחר טוחן':

❖ אבל אין 'טוחן אחר טוחן' – דהיינו בדבר שכבר נטחן, כגון לפרר (צוברעקלען) לחם (הג"מ פכ"א; ע' רמ"א והרב ס"י).

# לכבוד שבת המלכה, להניח בתוך הבית ברכה,

### מלאכת 'מחתך':

❖ כל דבר ששוברים או קורעים במידה מסוימת (רייסען לויט א מאהס) – ואפילו מידה גדולה, יש בזה מלאכת 'מחתך'.

### 'מחתך' כאשר אינו מקפיד על המידה:

❖ אין מלאכת 'מחתך' כאשר אינו מקפיד על המידה (אויפ'ן מאהס), אלא מקפיד רק שלא יהיה גדול מדי או קטן מדי (נישט צו גרויס אדער צו קליין), לכן מותר אז בכל המקומות שאין בהם משום 'קורע' (לשון הרמב"ם; שועה"ר סי' שי"ד ט"ז; משנ"ב שכ"ב י"ח; ועי' ס' בנין שבת באורך).

# הלכה למעשה

### א. 'טוחן אחר טוחן':

מותר לפרר (צוברעקלען) לחם, עוגה או מלח שנתבשל, וכן כל דבר שנטחן כבר, אבל אף כל אלו – אסור במכתשת או בברזל המיוחד לטחון מאכלים (מיהלעכל אדער האנט גרינדער).

### ב. 'מחתך':

מלאכת 'מחתך', זוהי כשחותך, שובר או קורע איזה דבר לפי מידה מסוימת (צושניידט אדער רייסט לויט א מאהס), ואפילו מידה גדולה – כגון שאינו שובר דק דק, ולפיכך המנסר או החותך עצים, ניירות, פלסטיק – לפי מידה (שניידט, זעהגט האלץ לויט א מאהס), חייב משום 'מחתך'.

### ג. 'מחתך' ע"י גוי:

'מחתך' לפי מידה, אסור אפילו ע"י גוי.

### ד. 'מחתך' באוכלים:

אין מלאכת 'מחתך' באוכלים, לכן מותר לחתכם אף לפי מידה (שכ"ב ס"ד; מש"ב י"ב).

## הלכות ׳טוחן אחר טוחן׳ – היינטיגע צייטען

### א. ׳טוחן אחר טוחן׳:

מען מעג צומאהלען ׳עסנווארג׳ וואס זעהנען שוין איינמאהל געווען צומאהלען, אבער מען טאהר דאס נישט טוחן מיט א כלי מיוחד צו צומאהלען, אזוי ווי א האנט מיהלעכעל, ולכן:

- ❖ מען מעג צוברעקלען ברויט.
- ❖ מען מעג צוברעקלען מצה מיט א לעפעל אדער מיט'ן האנט.
- ❖ מען מעג צוהאקען אונזער זאלץ וואס איז שוין געקאכט.
- ❖ מען מעג צוברעקלען קאצקער צוקער.
- ❖ מען מעג צוברעקלען שאקאלעד.
- ❖ מען מעג צוברעקלען מעדיצינען.
- ❖ מען מעג צו האקען די שטיקלעך פון גריז (דייסה) מיט א לעפל, אדער ארויף גיסען הייסע וואסער פון א ׳כלי שני׳, אבער מען זאל נישט ארויס נעמען די שטיקלעך פונעם טעלער, וועגן איסור ׳בורר׳ (שש״כ י״ג).

און די אלע דערמאנטע זאכן זאל מען נישט צומאהלען אדער צוהאקען מיט א כלי מיוחד צו צומאהלען, אדער מיט א האנט גרינדער.

### ב. ציינשפענדלעך (Toothpicks):

מען טאהר נישט צוברעכן ציינשפענדלעך (Toothpicks) אויף שטיקלעך, וועגן איסור ׳טוחן׳.

- ❖ מען טאהר נישט צוברעכן די שפעהנדלעך אויף צוויי כדי צו ניצען אלע בײדע חלקים, וועגן די איסור מה״ת פון ׳תיקון כלי׳, אדער וועגן מלאכת ׳מחתך׳ (רמב״ם; רא״ש במשנ״ב כ״ב י״ח).
- ❖ מען מעג אבער ניצען די שפענדלעך, אפילו אויב זיי ווערן צובראכן בשעת'ן ניצען (צום ביישפיל ביים ניצען פאר די ציין).

### ג. בלאטע:

מען טאהר נישט צוברעכן שטיקלעך ערד בכוונה – אפילו מיט די פוס, וועגן איסור ׳טוחן׳ (כלאחר יד):

- ❖ מען זאל נישט אראפ נעמען די טריקענע בלאטע פון די שיך אדער קאלאשען, וועגן איסור ׳טוחן׳.
- ❖ מען מעג אבער גיסן אויף זיי וואסער, אבער נישט אפרייבען מיט די וואסער.

❖ מען טאר נישט אפרייניגען די בלאטע מיט א נאסע שמאטע.

**ד. זאלץ:**

גרויסע זאלץ (שטיינזאלץ) וואס איז נאך נישט געווען צומאהלען, טאהר מען נישט צוהאקען אין שבת, וועגן איסור 'טוחן'.

**ה. ספייסעס (תבלינים, Spices):**

ספייסעס אזוי ווי שווארצע פעפער, מעג מען נאר צומאהלען מיט א 'שינוי גדול', אזוי ווי מיט'ן הענטל פון א כלי, און דערנאך אריינלייגען די צומאלענער ספייסעס אין א טעלער אדער אויפ'ן טיש (אבער נישט אין די ספעציעלער כלי פאר דעם).

**ו. וואקס (שעוה) אויפ'ן טישטעך:**

מען טאהר נישט אראפרייבען טראפען וואקס (שעוה) (פון ליכט) פונעם טישטעך אדער פון א בגד, וועגן איסור 'טוחן' (ש"ב ס"ז).

❖ אין יו"ט איז כדאי צוניצען דיספאזעבעל (חד-פעמי) בלעכעלעך פאר די ליכט, כדי נישט צו צוהאקען די וואקס פונעם בלעכעלעך ביים זיי אנגרייטען פאר'ן ליכט (וועגן 'טוחן').

## מלאכת 'מחתך' – היינטיגע צייטען

**א. פי' מלאכת 'מחתך':**

מלאכת 'מחתך' מיינט, שניידען לויט א מאהס.

**ב. ציינשפענדלעך (Toothpicks):**

מען זאל נישט צוברעכען שפענדלעך, וועגן 'טוחן' (ווי דערמאנט), און אויב לויט א מאהס – איז אויך דא 'מחתך'.

**ג. קרטונים (Cardboard):**

איינער וואס שניידט אדער צורייסט פישקעס (באקסעס, Boxes) מיט א מאהס, איז חייב אויף 'מחתך'.

**ד. טוילעט פאפיר (נייר בית הכסא):**

מען טאר נישט צורייסען טוילעט פאפיר פונעם ראול (Roll), וועגן 'תיקון כלי', און אויב רייסט מען דורך די לעכער, איז אויך דא מלאכת 'מחתך'.

❖ בשעת הדחק, אז מען האט נישט קיין אנדערע פאפיר, מעג מען ניצען די פאפיר פון די ראול, ווען 'כבוד הבריות', אבער **נישט רייסען ביי די לעכער**.

❖ אויב מען קען – זאל מען נישט רייסען (בכלל), נאר לאזן עס אראפגיין מיט די וואסער פון ביה"כ (פוסקים).

### ה. טישו באקס (Tissue-Box):

מען זאל נישט אויפמאכען טישו באקס דורך אויפרייסן ביי די לעכער, נאר אויפרייסען באופן וואס ווערט נישט קיין שיינע עפעהנונג.

### ו. פאקסי פאפ (Break-Up's):

עס זענען דא פוסקים וואס האלטען אז מען זאל נישט צו ברעכען די פאקסיס אויף צוויי, ווען איסור 'מחתך'.

### ז. שניידען ליכט פון אינטן:

איינער וואס שניידט ליכט יו"ט פון אינטער כדי זיי אריינפלאציהרן אין די בלעכלעך, איז חייב מה"ת אויף מלאכת 'מחתך' (שועה"ר סי' שי"ד סט"ז; מ"ב שנ"ב ס"ק י"ח; שש"כ פי"ג מ"ח).

❖ מען זאל אויך נישט אריינשטיפען די ליכט אין די בלעכלעך, ווייל עס רייבט זיך ביים אריינשטופען (שם).

❖ אבער מען מעג עס יא אריינשטיפען אויב עס ווערט נישט אפגעריבען.

### ח. אראפ נעמען די שטאפער פונעם רינגל:

די אלע פלעשער וואס האבן שטאפערס (דעקלער) וואס די רינגל בלייבט פון אינטען ביים עפענען, מעג מען אראפ נעמען די שטאפער.

❖ אבער עס איז דא וואס האלטען אז עס איז אסור ווען 'מחתך', ווען די רינגל בלייבט פון אינטער. (הגרשז"א; הגריש"א; שבה"ל; ועי' במ"ב דרשו (מס' 23) כל הפוסקים בזה).

❖ דאס איז אהן צו אריינגיין אין די מחלוקת הפוסקים אין די איסור פון 'מכה בפטיש'.

❖ לכו"ע מעג מען ווען מען ניצט אויס גלייך אלעס פון פלאש און מעןווארפט עס אוועק, דעמאלס איז נישט דא די איסור פון 'מחתך' און 'מכה בפטיש'. (הגרשז"א; הגריש"א; שבה"ל; ועי' במ"ב דרשו (מס' 23) כל הפוסקים בזה).

### ט. קענס (Conserve-Cans):

די זעלבע איז מיט קענס, אז מען מעג עפענען די רינגל פון די קען (און לויט די מחמירים איז דאס אסור).

### י. לעבען, יאגערט:

מען מעג צוטיילען צווי לעבענס אדער יאגערטס איינער פונעם צווייטען (אבער לויט די מחמירים, איז דא אויך ביי דעם איסור 'מחתך').

### יא. פלאסטיק טישטעכער:

איינער וואס שניידט פלאסטיק טישטעכער לויט א מאהס, איז חייב אויף 'מחתך' (און אויך דורך א גוי איז אסור).

- ❖ אויך אז מען שניידט נישט פונקטלעך לויטן מאהס, איז דאס עכ"פ די איסור פון 'מתקן כלי' (סי' ש"מ ס"ו שבה"ל).
- ❖ א ביהמ"ד ווי מען דארף האבן טישטעכער בשעת הדחק, קען דאס געטוהן ווערן דורכ'ן גוי, אבער נישט הייסן רייסען ביי די לעכער.
- ❖ אבער אויב ער האט דאס יא געריסען ביי די לעכער, מעג מען עס ניצען (רע"ו ט"ז, מ"ב ש"ז, מ"ב ע"ו, ש"מ מ"ב מ"א).

### יב. צורייסען וואטע:

מען טאהר נישט צורייסען וואטע כדי עס ניצען פאר די אויערן, וועגן איסור 'מחתך' (מהר"ם בריסק ח"ג ל"ב; מנח"י ח"ד מ"ה; שבה"ל ח"ד קט"ו).

- ❖ צורייסען וואטע כדי עס ניצען פאר רייניגען א קינד וכדומה, איז אסור וועגען 'מתקן' (ש"מ ס"ו).

### יג. פלאסטיק פון א וויין פלאש:

מען מעג אראפ נעמען די פלאסטיק פון א וויין פלאש (וכדומה) אפילו ביי די לעכער, ווייל מען ווארפט דאס גלייך אוועק.

## הלכות עולם לו (נדה עג, א)

### מעשר כספים – חלק ג'

א. לכתחילה יתן מעות המעשר לעניים, מוסדות תורה או להכנסת כלה וכדו' צרכי צדקה.

ב. אין לתת ממעשר בעד מצוות כגון נרות לביהכ"נ, או לקנות אתרוג תפילין מזוזות ומצות על פסח.

- אבל אם לא יוכל לקיים המצווה בשום אופן אלא ממעות מעשר, מותר (באה"ט סק"ב בשם מהרש"ל ודרישה).

ג. אם אין לו מעות לפרוע חובותיו, וחי בכדי חייו באופן מינימלי (Minimum), לא יתן מעשר, אלא קודם יפרע חובותיו (שבה"ל ח"ה קל"ג).

ד. מותר להחזיק בן תורה ממעות מעשר ע"י קניית אתרוג אצלו, וכן כשמוכר שאר חפצי מצוות, כדי שיוכל ללמוד (מדין סנדקאות באלמנה) (רמ"א וש"ך שם).

ה. מה שנותן מעות לכלי קודש בעת נישואי בניו, אינו נותן ממעות מעשר, כי הוי כשאר הוצאות החתונה, אולם אם נותן אז לעניים אחרים ג"כ, נקרא מעשר ומותר (ערה"ש).

ו. המקבל מתנות או נדוניא מההורים שהם כבר הפרישו מעשר, או מקבל מתנה מעושר שכבר הפריש מעשר מרכושו, צריך ליתן מעשר עו"פ ממעות שהוא מקבל מהם, ואח"כ ממה שירוויח מהכסף (פ"ת סק"א שם, ערה"ש פ"ת).

- אבל אם ההורים נתנו הנדוניא ואח"כ הפרישו מעשר ממנה, אין הבנים צריכים להפריש עוד פעם (שם).

ז. מותר לפזר ממעשר שלו לבניו הגדולים לאחר נשואיהם כשצריכים לזה, או כדי שיוכלו ללמוד בכולל.

**נפלא** עריכת ספרים - 72nifla@gmail.com
1347-455-9957

**השיעור הזה שיעור ל"ג**
**לעילוי נשמת**
**אפרים בן ר' שלמה אביגדור ז"ל**
**ת.נ.צ.ב.ה.**

**יצא לאור ע"י הרב יהודה אליקים מאנהייט - מו"צ בק"ק ברוקלין יצ"ו**
להנצחות הערות והארות נא להתקשר - 347-512-9276 - haluchuyeshuru@gmail.com